# שיחות ודברות קודש לפרשת אמור משנת תשע"ג לפ"ק

## במסיבת חומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג

יום א' פרשת אמור תשע"ג לפ"ק

**מען** זיצט ביי א חומש סעודה, מען הייבט אן צו לערנען מיט די קינדער פרשת ויקרא, די פרשה פון קרבנות, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים. עס קומען ריינע קינדער, מען קוקט זיי נאר אן, זעט מען די טהרה וואס איז אויסגעשטעלט אויף די צורות, און זיי קומען עוסק זיין אין די חלק התורה פון טהורים.

**מען** דארף אבער האבן אסאך סייעתא דשמיא אין די היינטיגע צייטן, אז די טהרה וואס מען האט יעצט, זאל נישט אוועק גיין פון די קינדער אויף שפעטער. וויפיל קינדער איז ליידער דא, וואס האבן אנגעהויבן אזוי שיין צו לערנען תורה, און זיי ווערן נעבעך פארפאלן ברבות הימים. **עלטערן דארפן ארייַנלייגן אסאך כוחות אין די קינדער, און זיך נישט פארלאזן אויף די תלמוד תורה, אז זיי טוען שוין די ארבעט, און מען וועט אים צוריקגעבן א קינד וואס איז אויסגעוואקסען א תלמיד חכם. עס איז אסאך תלוי אין די שטוב, וויפיל די עלטערן געבן צו חשקות התורה פאר די קינדער, אריינצוגעבן א געפיל און צופרידענהייט אין וואס מען לערנט. און דאס קינד זאל וויסן, אז א טאטע און א מאמע קוקען ארויס, אז די קינדער זאלן וואקסען אין תורה, און זיי טוען צופרידנשטעלן די עלטערן בשעת זיי קענען. מאכן אן עסק ווען עס קומט סוף וואך, און דאס קינד קומט אהיים מיט זיין צעטל. נישט מען איז יוצא אז מען האט אים געפרעגט וואס מען דארף צו פרעגן, און מען שרייבט עס אינטער, און מען שיקט עס צוריק פארן רבי'ן. נאר אריין געבן א געפיל און סיפוק פאר די קינדער, ער זאל וויסן אז די טאטע ווארט שוין א גאנצע וואך צו וויסן וויאזוי ער האט געלערנט. און וואס פאר א הנאה עלטערן האבן ווען די קינדער קענען.**

**יבואו** טהורים ויתעסקו בטהורים. **אז מען וויל מחנך זיין ערליכע קינדער, דארף צו זיין א ריינע שטוב, און א ערליכע שטוב. מען קען נישט האבן א שטוב וואס זאל זיין אפען צו די גאנצע וועלט, און קינדער וויל מען, אז זיי זאלן זיין תלמידי חכמים. עס גייט נישט צוזאמען. א שטוב וואס די לופט איז הייליג, די אטמאספער פונעם שטוב איז אנגעפילט מיט קדושה, דאס לאזט איבער אויף די קינדער, א יסוד אויף די שפעטערדיגע זמנים.**

**דער** פסוק זאגט קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלקיכם (ויקרא יט-ב), דער אייבערשטער בעהט פון אונז, מיר זאלן זיין קדושים, ווייל דער אייבערשטער איז הייליג. אין מדרש (ויק"ר כד-ט) שטייט, קדושים תהיו, יכול כמוני, וועט עטץ מיינען מען זאל זיין הייליג אזוי ווי מיר, תלמוד לומר כי קדוש אני ה' אלקיכם, קדושתי למעלה מקדושתכם, מיין קדושה איז העכער פון ענקער קדושה. די מפרשים שטעלן זיך שוין דערויף, די תורה דארף דען דאס מדגיש זיין? אז איך וועל מיינען אז מען דארף זיין הייליג אזוי ווי דער אייבערשטער, און איך דארף האבן א מיעוט כי קדוש אני ה' אלקיכם, קדושתי למעלה מקדושתכם, אז די קדושה פונעם אייבערשטען איז העכער פון אונזער קדושה? יעדער פארשטייט אז אונזער קדושה האט אפילו נישט קיין נגיעה, מיט די קדושה פונעם רבונו של עולם.

**דער** ביאור דערפון איז. די תורה זאגט, השוכן אתם בתוך טומאותם (שם טז-טז), די קדושה פונעם אייבערשטען ווערט נישט נגרע, און עס ווערט נישט נפגם, אפילו ווען דער אייבערשטער איז בתוך טומאותם. אפילו ווען ער איז ארומגענומען מיט א וועלט פון טומאה, איז דא השראת השכינה, און די קדושה פונעם אייבערשטען איז דארט די זעלבע. אבער דאס איז נאר ביי דעם רבונו של עולם, ביי מענטשען קען נישט זיין אזוי. עס קען נישט זיין קיין קדושה ווען די לופט פונעם שטוב איז טומאה, ביי א מענטש איז נישט דא השוכן אתם בתוך

טומאותם, אז ער זאל קענען זיין ארומגענומען מיט טומאה, און ער זאל זיין ערליך. **אז מען וויל האבן ערליכע קינדער, אז קינדער זאלן זיין טהורים, דארף מען וויסן, אז מען דארף ברענגען קרבנות. מען הייבט אן צו לערנען מיט די קינדער די פרשה פון קרבנות. יא, מען דארף אפפערן די שטוב, עס איז דא געוויסע זאכן וואס קען נישט זיין ביי מיר אינדערהיים, ווייל איך וויל אז מיין קינד זאל זיין א ערליכע קינד.** נישט אלעס וואס שאד נישט פאר עלטערן, מיינט עס אז עס שאד נישט פאר קינדער. און עלטערן דארפען וויסן, איך דארף האבן א ריינע שטוב, ווייל איך וויל מחנך זיין און האבן ערליכע דורות.

**קדושים** תהיו, די אייבערשטער בעהט אונז, מיר זאלן זיין קדושים. יכול כמוני, אז עטץ קענט'ס זיין קדושים אזוי ווי מיר, אז עס קען זיין השוכן אתם בתוך טומאותם, אז מען קען זיין ארומגענומען מיט טומאה, און מען זאל קענען זיין א קדוש. תלמוד לומר כי קדוש אני ה' אלקיכם. דאס איז נאר ביי דעם רבונו של עולם. ביי אונז איז דאס נישט דא. ביי אונז אז מען וויל זיין קדושים, די קינדער זאלן זיין קדושים, דארף די שטוב זיין הייליג.

**מען** האט פריער דערמאנט דעם פסוק וכל בניך לימודי ה' ורב שלום בניך (ישעיה נד-יג), דאס גייט ארויף אויף די קינדער וואס לערנען תורה, אז דער אייבערשטער לערנט מיט זיי תורה. מען זאגט יעדן טאג ביים דאווענען, אל תקרי בניך אלא בוניך (ברכות סד.). עס קען זיין לענינינו אז די פשט דערפון איז. אז מען וויל, אז עס זאל זיין וכל בניך לימודי ה', אז מען וויל האבן קינדער וואס זאלן זיין לימודי ה', אויסוואקסען תלמידי חכמים. דארף מען וויסן, אז דאס איז אזוי ווי בוניך, אזוי ווי מען בויט א זאך. ווען מען בויט א בנין ווייסט מען, אז די עיקר פונעם בנין איז דער יסוד פונעם בנין. לויט וואס פאר א יסוד מען לייגט אריין אינעם הויז, לויט דעם קען מען בויען דעם בנין. אז עס איז א שוואכע יסוד, בויט זיך א שוואכע בנין, אז עס איז א שטארקע יסוד, בויט זיך דערויף א מעכטיגע בנין. ווען ער וויל צוגרייטן א הויכע בנין, מוז ער מאכן א שטארקע יסוד, כדי אז דער בנין זאל זיך קענען בויען. און אז מען בויט ווייסט מען, אז מען שטייט שטענדיג מיט א ראלער און מען קוקט, אז עס זאל נישט זיין קיין איין זאך אביסעלע קרום. ווייל איין קרומקייט וואס עס איז דא אינעם יסוד פונעם הויז, מיינט עס, אז די גאנצע הויז וועט זיין א קרומע הויז.

**ווען** א מענטש גייט צו ביי מחנך זיין קינדער, אזוי ווי מען בויט א בנין, אז דער יסוד דארף זיין א שטארקע יסוד. די יונגע יארן וואס א קינד האט, דארף זיין אנגעפילט מיט ערליכקייט, אהבת ה' יראת ה'. און ער ווייסט אז דאס איז נישט א זאך וואס איז נוגע נאר אויף יעצט, נאר אז איך וויל אז מיין קינד זאל זיין א תלמיד חכם, מוז איך אראפ לייגען א פעסטע יסוד אין די יוגנט, און אכט געבן אזוי ווי מען טוט מעסטן א בנין, אז עס זאל נישט זיין אביסל קרום, אז עס זאל נישט זיין א זאך וואס זאל שטערן די וואוקס פון א קינד, דעמאלטס וואקסען אויס קינדער תלמידי חכמים.

**וכל** בניך לימוד ה', אלע דיינע קינדער קענען אויסוואקסען תלמידי חכמים, און זיי זאלן זיין לימודי ה'. אבער אל תקרי בניך, די קענסט נישט אנרופן אז דו וועסט האבן קינדער וואס גייען זיין למודי ה'. אלא בוניך, נאר ווען די וועסט צוגיין צו דעם, אזוי ווי מען בויט א בנין. ביי בויען א בנין ווייסט מען, אז דער יסוד דארף זיין גוט, עס דארף זיין גראד, עס טאר נישט פעלן דערפון. מען קען נישט אויסלאזן א ציגל אינדערמיט, און מען וועט בויען ווייטער. מען קען נישט אנפאנגען צו בויען שפעטער, אויב עפעס איז נישט גוט אינעם פונדאמענט.

**ב"ה** דער מוסד לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אז די קינדער זאלן אנקומען אין זייער כיתה ביז ווי מען דארף אנקומען. - **און עס איז כדאי מעורר צו זיין, אז מען לערנט עברי, זאל מען וויסן, אז אויב א קינד קען נישט גוט עברי, דאס טוט פארדארבען זיין גאנצע עתיד שפעטער. אז א קינד קען נישט געהעריג קיין עברי, קען ער נישט שפעטער מיטהאלטן די חומש וואס מען**

**לערנט. און ווען מען ווערט נאך עלטער, לערנט ער נישט קיין גמרא געהעריג. ער קען קענען אין שטוב, ער קען קענען וואס מען לערנט, ווייל ער הערט אויסנווייניג וואס דער רבי זאגט, און אזוי האלט ער מיט. אבער ער קען נישט 'אליין' לערנען. עס איז דא כמה בחורים וואס קומען אין ישיבה, און קענען נישט קיין עברי, זיי האלטן נאר מיט דאס גאנצע לערנען אויסנווייניג, און וועגן דעם פאלט מען ארויס. ווייל עס האט א גבול וויפיל ער קען אנקומען.**

**מען דארף אריינלייגען אסאך צייט דערצו. פון צייט צו צייט קוקען, צו די קינדער קענען עברי.** זיי האבן זיך יעצט אויסגעלערנט עברי, נישט לאזן די זומער זאל אדורכגיין, און ער זאל פארפאלן ווערן במשך פונעם זומער, ווען ער גייט ארויס פון דעם וואס ער האט זיך געלערנט. מיטהאלטן עברי מיט א קינד נישט נאר יעצט, נאר אפילו אין א יאר און אין צוויי יאר ארום. נעמען צייט, און אים זאגן, איך וויל הערן ווי אזוי די זאגסט א קאפיטל תהלים. און זען צו ער זאגט עס מיט גרייזן, אדער נישט. ווייל דאס איז די יסוד פון א קינד, אז ער זאל קענען שפעטער שטייגן אין תורה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, עלטערן ווילן דאך, און אויף דעם שטרעבט מען, אז מען זאל אויפשטעלן ערליכע יודישע דורות, און קינדער תלמידי חכמים, וחפץ ה' יצליח. דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל טאקע האבן הצלחה, און זען אסאך שמחה ונחת ביי די קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, זיי זאלן ווייטער שטייגן אין תורה און אין יראת שמים. און אין זכות פון הבל פיהם של תינוקות של בית רבן זאל מען זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

## באסיפת אדמורי"ם ורבנים מנהיגי הקהלות בארה"ב
## למלאות שנה ל'כינוס כלל ישראל' להצלת הדורות בעניני הטעכנאלאגיע

שהתקיים בבית כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א - יום א' פרשת אמור תשע"ג לפ"ק

**פותחין** בכבוד האכסניא, דער רבי זאל זיין געזונט ה' יאריך ימיו ושנותיו בנעימים, לאנגע געזונטע יארן. מען האלט א יאר פון ווען עס איז געווען דער כינוס כלל ישראל. וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען צענדליגער טויזנטער יודן. וואס עס איז פאררופן געווארן דורכן רבי'ן זאל זיין געזונט, מעורר צו זיין וועגן די ענין פון טעכנאלאגיע, וואס פלאגט דעם גאנצן כלל ישראל. עס איז שוין אדורך א לאנגע צייט פון דעמאלטס, אבער מען זעט די התעוררות וואס עס איז געווען ביי אידישע קינדער, אין אלע שיכטן. אפילו פון די גאר פשוטע יודן זענען געקומען, און זיי האבן געוואלט האבן א חלק דערין. יעדער האט געשפירט אז מען דארף עפעס טון. לעשות רצונך אלקי חפצתי. יעדער שפירט, אז מען דארף האבן א תיקון אין דעם ענין. מען האט געוואלט הערן דברי התעוררות דערויף. ברוך ה' עס האט עושה רושם געווען, טויזנטער יודן האבן זייט דעמאלטס אריין געלייגט פילטערס אין זייערע כלים. מען קען זען בחוש דעם הבא ליטהר מסייעין אותו, די סיוע וואס עס איז אראפ געקומען דעמאלטס נאך דעם מעמד, א רוח טהרה ביי פשוטע יודן, וואס זיי האבן זיך אהער געשטעלט, אז זיי ווילן זיין גוט. עס איז נישט געווען קיין פשוטער כח, עס איז געווען העכערס דערין, ווען א יוד וויל זיך מטהר זיין, איז דא א סיוע, דער אייבערשטער העלפט צו.

**מען** האלט שוין כמעט א יאר שפעטער, זייט דעמאלטס איז אויפגעשטעלט געווארן פארשידענע אפיסעס, וואס טוען צושטעלן פילטערס פאר די טעכנאלאגישע כלים. מען האלט היינט ביי פינף און צוואנציג מקומות, וואס עס איז אויפגעשטעלט געווארן אויסער ארץ ישראל. אין חוץ לארץ, דא און אין אייראפע, וואו עס איז אויפגעשטעלט געווארן אפיסעס, ווי יודן קומען אריין טאג טעגליך, זיי ווילן ארויף לייגן פילטערס אויף זייערע כלים. עס איז א געוואלדיגער זכות די זאך אליין. עס דארף האבן סיוע אויף ווייטער אויך.

**מען** זיצט דא ביי א אסיפה פון רבנים גדולי ישראל, עס ליגט א פליכט אויף יעדן איינעם, וואס קען אויפטון אין דעם ענין. עס איז באקאנט די ווערטער פון הייליגן רבי אהרן הגדול, אויפן פסוק ארור אשר לא יקום את דברי התורה הזאת, וואס דאס גייט ארויף אויף איינעם, וואס איז למד ולימד, ער האט געלערנט, און לערנט מיט אנדערע, שמר ועשה, ער טוט אלע מצות פון די תורה, אבער ער האט געהאט א מעגליכקייט להחזיק תורה, צו באפעסטיגן תורה, און ער האט דאס נישט געטון, איז ער אין כלל פון וואס די תורה זאגט ארור אשר לא יקום. פארקערט, די ברכה וואס דער אייבערשטער גיט, איז נישט פאר דעם וואס מען לערנט אליין, און נישט פאר דעם וואס מען שטייגט אליין, נאר אז מען האט דעם כח צוצוהעלפען, אהער צו שטעלן כלל ישראל אויפן ריכטיגן וועג, איז דאס א געוואלדיגע חיוב אויף יעדן איינעם פון אונז, צוטון וואס עס איז בידינו צוצוהעלפען דערצו. מען רעדט נישט יעצט פון א פירצה וואס איז א פריוואטע פירצה, א יחידישע פירצה, אויף דעם דארף מען אויך זיין א גודר גדר ועומד בפרץ. מען רעדט יעצט פון א זאך וואס גאנץ קדושת ישראל איז תלוי בזה. טאמער עס איז נישט דא קיין שמירה אין די ענינים, ווייסט מען נישט וויאזוי עס וועט אויס קוקען דער קומענדיגער דור. מען פלאגט זיך היינט מיט יונגווארג, וואס האבן די שווערע נסיונות אין זייער לעבן. בחורים, יונגעלייט, א יעדער וואס זיצט ביי דעם טיש, ווייסט אסאך מער וויפיל די גאס ווייסט. וואס מען קומט אריין, און מען הערט אלס פון די פראבלעמען וואס עס איז דא. און עס ליגט א פליכט אויף אונז, צו זען וואס מיר קענען דא טון ווייטער.

**עס** ווערט יעצט א יאר פון וואס עס איז געווען דער זמן פון דעם התעוררות. דער סקולענער רבי זאל זיין געזונט האט געבעטן, ער פילט אז מען דארף עס ממשיך זיין ווייטער. בכל יום ויום יהיה בעיניך כחדשים. עס דארף זיין שטענדיג א התחדשות, אז מען זאל קענען נאכאמאל צוריק מעורר זיין יודן. מיט די צייט ווערן דאך זאכן אפגעקילט, סיי ביי די עסקנים, און סיי ביי די המון עם. מען זאל מטכס עצה זיין, וואס מ'יר קענען טון, נאכאמאל ארויף ברענגען, און מחזק זיין, וואס מען האט דעמאלטס געררעדט. עס איז דא פארשידענע הצעות אויפן טיש, וועגן דעם האט מען גערופן די רבנים, עס אראפ צו לייגן, מען זאל זען איזה דרך יבחר, וואס מען זאל אויסקלויבן דערפון. (כאן הציע **רבינו שליט"א** כמה הצעות איך לעורר דעת הקהל בגודל הסכנה).

**די** מוסדות התורה, זיי זענען היינט די רוקן פונעם כלל ישראל. יעדער איז דאך אנגעוויזן אויף זיי, ווייל קינדער וויל מען דאך, אז זיי זאלן זיין גוט, אז זיי זאלן נתחנך ווערן על דרכי התורה. עס איז באמת א קרבן פאר די מוסדות אליין אויך, טאמער א שטוב איז נישט אפגעהיטן ווי עס דארף צו זיין. א קינד קומט אריין, און דערציילט וואס ער האט געזען, און וואס ער האט געהערט, וואס דאס טוט אויף שפעטער ביי די איבריגע קינדער. מען דארף זיך צוזאמנעמען, און זען וואס די מוסדות התורה קענען טון אין דעם ענין.

**די** פילטערס וואס מען דארף האבן דערצו. מען מיינט אז מען שטייט ליידיג. א גאנץ יאר פלאגט מען זיך דערויף, טויזנטער דאלערס וואס מען האט שוין אריינגעלייגט דערין, און הונדערטער שעה'ן. מען זיצט מיט קאמפאניס, און מען איז דן וואס מען קען טון צו פארשאפן געהעריגע פילטערס. מען ווערט פערטיג מיט איין כלי, קומט דאך ארויף א צווייטע כלי, און מען דארף דאך האבן פאר יעדע כלי זיינע פילטערס. מען זיצט נישט מיט קיין צוזאמגעלייגטע הענט, מען פראבירט וואס מען קען.

**דער** סקולענער רבי זאל זיין געזונט האט געבעטן, מען זאל אויסשמועסן דא צווישן די רבנים, וואס מען פילט אז מען קען טון לטובת די ענינים, און וואס עס איז די ריכטיגער וועג, אז מען זאל זיך צושטעלן, און נאכאמאל מעורר זיין דעם דעת הקהל אין דעם ענין. דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל ארויס קומען א כבוד שמים, פון דעם וואס מען איז זיך צוזאמגעקומען. מען זאל קענען טון די ריכטיגע זאך, וואס מען דארף צו טון.

## בסעודת בר מצוה של הבחור משה ני"ו בן הר"ר אברהם צבי אייגנער הי"ו

יום א' פרשת אמור תשע"ג לפ"ק

**אמור** אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו (ויקרא כא-א). רש"י שטעלט זיך שוין וואס איז די דאפלטע לשון אמור אל הכהנים, זאג פאר די כהנים, ואמרת אליהם, און די זאלסט זיי זאגן, לנפש לא יטמא בעמיו. און נאך איז שווער, די תורה דארף דען זאגן ווער עס זענען די כהנים, מען ווייסט דען נישט אז די כהנים זענען בני אהרן, עס וואלט גענוג געדארפט שטיין, אמור אל הכהנים לנפש לא יטמא בעמיו. פארוואס האט די תורה מאריך געווען אמור אל הכהנים 'בני אהרן', 'ואמרת אליהם' לנפש לא יטמא בעמיו.

**דער** ענין דערפון איז, די הנהגה פון קינדער, ווענדט זיך אסאך אין וואס פאר א שטוב מען ווערט נתחנך. עס פארלאנגט זיך מער פון א קינד וואס ווערט נתחנך אין א גוטע שטוב. ער דארף זיך אויפפירן אנדערש, פון איינעם וואס איז נתחנך געווארן אין א פשוטע שטוב, וואס ער האט זיך נישט געהאט פון וואו צו לערנען. שמע בני מוסר אביך, ואל תטוש תורת אמך. אויסער דעם וואס ער איז מחוייב צו האלטן וואס עס שטייט אין די תורה, איז דא אויף א קינד וואס ווערט ערצויגן אין א שטוב וואס מען פירט זיך ערליך, א עקסטערע חיוב צו פאלגן תורת אמך. די מאמע האט זיך אזוי געפירט, דער טאטע האט מוסר געזאגט אויף א זאך, דארף ער טון וואס מען האט געהייסן.

**דער של"ה הק'** (פ' בחוקותי) טייטש וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור (ויקרא כו-מב). דאס איז א פסוק אין די תוכחה. לכאורה איז דאך דאס א לימוד זכות און א מליצה אויף יודען, אז דער אייבערשטער וועט געדענקען זכות אבות. זאגט דער **של"ה הק'**, אמאל איז דא וואס מען געדענקט פון וואס פאר א שטוב מען קומט, איז דאס א חלק פון די תוכחה, מען וועט געדענקען אז מיר זענען קינדער פון אברהם יצחק ויעקב, און די פירסט דיך נישט אויף, אזוי ווי עס פאסט פאר זרע אברהם יצחק ויעקב. איז דאס מוסיף צו די תוכחה.

**עס** איז דא א טייער ווארט פון **הגאון רבי וואלף באסקאוויץ זצ"ל** (הובא בספר **אהבת חיים** פרשת קדושים), די גמרא (ברכות ד.) זאגט, אז דוד המלך האט זיך אויפגעטון אז ער איז א חסיד, שמרה נפשי כי חסיד אני (תהלים פו-ב), דוד המלך האט געזאגט וכי לא חסיד אני, אלע מלכים שלאפן ביז ניין אזייגער, ואני חצות לילה אקום, און איך שטיי שוין אויף אינמיטן די נאכט לערנען תורה. אנדערע מלכים זענען עוסק און טוען פארברענגען די צייט, און איך בין פארנומען צו לערנען תורה מיט יודן. מיט צוויי זאכן האט דוד המלך געזאגט אויף זיך, אז ער איז א חסיד. ער טוט נישט אזוי ווי אנדערע קעניגן וואס שלאפן ביז ניין אזייגער, און ער גייט נישט נאך תענוגים אזוי ווי אנדערע מלכים. און לכאורה איז שווער, אנדערע חסידות האט דוד המלך נישט געהאט, און נאר דאס איז געווען זיין חסידות, אז ער שלאפט נישט ביז ניין אזייגער, נאר ער שטייט אויף צופרי.

**האט רבי וואלף באסקאוויץ** געזאגט א דבר נפלא, א יוד, אויסער דעם וואס ער איז מחוייב מקיים צו זיין די מצות פון די תורה, איז ער מחוייב צו טון אלע מידות חסידות וואס ער זעט ביי זיינע עלטערן. אפילו ביים טאטן איז דאס נאר געווען א חסידות, אבער נאכדעם וואס דער טאטע האט אזוי געטון, בלייבט שוין אויפן קינד א חיוב פון שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך.

**דוד** המלך איז געווען א זון פון ישי, אויף ישי זאגט די גמרא (בבא בתרא יז.) אז ער איז געווען איינע פון די פיר מענטשן וואס זענען געשטארבען אן א חטא, נאר בעטיו של נחש. די נחש האט צוגערעדט חוה אז זי זאל זינדיגן מיטן חטא פון עץ הדעת, און דאס האט צוגעברענגט מיתה לעולם, און דאס איז געווען די סיבה

פאַרוואָס ישי איז אַוועק פון די וועלט. ישי דער טאַטע פון דוד המלך, האָט זיך מן הסתם געפּירט מיט אַלע מידות חסידות וואָס איז דאָ אויף די וועלט. אַז ער האָט געקענט אויסלעבן זיין לעבן און קיינמאָל נישט צוקומען צו אַ מכשול פון אַ עבירה. מוז מען דאָך האָבן אַלע גדרים וסייגים, צוצוקומען צו אַזאַ מדריגה. און אַז ישי איז געווען אין אַזאַ מדריגה, איז דאָך דוד המלך וואָס ער איז געווען אַ קינד פון ישי, וואָס ער האָט נאָכגעטון וואָס ער האָט געזען ביי זיין טאַטע, איז דאָס נישט געווען ביי אים קיין חסידות, ווייל ער איז געווען מחוייב אַזוי צו טון. ער האָט זיך נישט געקענט אויפטון אַז ער איז אַ חסיד, ווייל ער פירט זיך מיט געוויסע זאַכן לפנים משורת הדין, ווייל ער איז מחוייב אַזוי צו טון, ווייל דאָס האָט ער געזען ביי זיין טאַטען.

**אָבער** עס איז געווען צוויי זאַכן וואָס דוד המלך האָט זיך געקענט פירן במדת חסידות, וואָס ער האָט דאָס נישט געי'רש'נט פונעם פאָטער. די פּריווילעגיעס וואָס דוד המלך האָט געקענט האָבן ווייל ער איז געווען אַ מלך, און זיין טאַטע איז נישט געווען קיין מלך, און ער האָט דאָס נישט גענומען אויף זיך, מיט דעם איז ער געווען אַ חסיד. און פון אַלע זיינע הנהגות האָט ער נישט געקענט אויס רעכענען, אַז ער האָט זיך געפירט מיט די מצוה, מיט אַ מדת חסידות. ווייל דאָס האָט ער געזען ביי זיין טאַטן. און אויף אַ זאַך וואָס מען זעט ביי עלטערן איז דאָ ביי דעם אל תטוש תורת אמך, איז דאָס נישט קיין חסידות ביי דעם זון. אָבער וואָס עס איז נוגע ביי אַ מלך, אַז אַנדערע מלכים שלאָפן ביז ג' שעות ביום, ואני חצות לילה אקום. דוד המלך איז געווען פאַרנומען מיט לימוד התורה, און פּסק'ענען פאַר יודן, מיט דעם איז ער געווען אַ חסיד.

**דער** אייבערשטער וויל מזהיר זיין די כהנים, אַז זיי דאַרפן זיך פירן ערליך, און אַכטונג געבן אַז זיי זאָלן נישט צוקומען צו קיין טומאה. האָט דער אייבערשטער געזאָגט פאַר משה רבינו, 'אמור אל הכהנים', זאָג קודם פאַר די כהנים, זיי זאָלן וויסן 'בני אהרן', אַז זיי זענען קינדער פון אהרן הכהן, דאָס איז די ערשטע אמירה. זיי זאָלן וויסן, אַז זיי זענען קינדער פון אהרן הכהן, און אהרן איז געווען דער קדוש ה', אהרן ומשה שקולים זה כזה (שהש"ר ד-ה, הובא ברש"י שמות ו-כו). מען זאָל וויסן וואָס פאַר אַ טאַטע און וואָס פאַר אַ זיידע מען האָט, פון וואָס פאַר אַ שטוב מען קומט. וועלן זיי נאָכדעם ענדערש קענען אויפנעמען, די מצוה פון לנפש לא יטמא בעמיו. 'אמור אל הכהנים', קודם זאָג זיי, די ערשטע אמירה, 'בני אהרן', זיי זאָלן וויסן פון וואָס פאַר אַ שטוב זיי קומען, און נאָכדעם 'ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו'.

## בסעודת הברית של בן הר"ר אשר איידליס הי"ו

יום ב' פרשת אמור תשע"ג לפ"ק

**מען** וואונטשט אָן, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, די וועלט טייטשט כשם, אַזוי ווי די נאָמען וואָס מען איז אַריינגעגאַנגען לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

**דער** ענין פאַרוואָס מען גיט בדרך כלל אַ נאָמען נאָך די משפחה, אָדער נאָך אַ ערליכע יוד, קען זיין. מען געפינט די וואָך אין די פּרשה, אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו. און רש"י שטעלט זיך וואָס איז די צוויי אמירות, 'אמור אל הכהנים' זאָג פאַר די כהנים, בני אהרן, 'ואמרת אליהם', און זאָג זיי. עס וואָלט געדאַרפט שטיין אמור אל הכהנים לנפש לא יטמא בעמיו. און נאָך איז שווער, ווייסן מיר דען נישט ווער עס זענען געווען די בני אהרן, אַז די תורה דאַרף אונז פאַרציילן ווער די בני אהרן זענען.

**נאָר** די פּשט דערפון איז, אַ מענטש דאַרף שטענדיג געדענקען פון וואָס פאַר אַ שטוב מען קומט. אַז אַ מענטש געדענקט שטענדיג וואָס פאַר אַ עלטערן מען האָט געהאַט, וואָס פאַר אַ זיידעס מען האָט געהאַט, פון וואָס פאַר אַ שטובער מיט מסירת נפש אונז שטאַמען, דאָס

גיט אים צו, ער זאל זיך מער משתדל זיין אין זיין עבודת ה', צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען. עס איז דא א שלשלת הזהב, און מען דארף אויף דעם אכט געבן, אז מען זאל עס נישט צוברעכן. א קייטל, אז עס פאלט ארויס דערפון איין רינגל, ווערט ער אפגעהאקט. יעקב חבל נחלתו, מיר האבן א שייכות מיט די אבות הקדושים. אלע דורות זענען געווען נאמנים לה', און אויף דעם וועג, דארף מען צו גיין ווייטער. און ווי חשובער די עלטערן זענען געווען, ליגט אויף די קינדער מער די פליכט, מקיים צו זיין שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך.

**ווען** מען האט געוואלט זאגן פאר די כהנים אז זיי זאלן זיך נישט מטמא זיין, איז געווען קודם א אמירה פאר די כהנים, געדענקטס ווער עס זענען געווען ענקערע טאטעס, וועמענ'ס קינדער איר זענט. 'אמור אל הכהנים', זאג פאר די כהנים, די ערשטע אמירה איז, 'בני אהרן', אז זיי זענען קינדער פון אהרן. אהרן איז געווען אזוי ווי משה רבינו, שקולים זה כזה, אז מען האט געהאט אזא טאטע ווי אהרן, איז לנפש לא יטמא בעמיו, נאכדעם קענסטו זיי געבן די ווייטערדיגע הלכות, אז זיי זאלן זיך נישט מטמא זיין.

**כדי** מען זאל געדענקען שטענדיג, פון וואס פאר א שטובער מען קומט, איז איינגעפירט ביי יודן, אז מען גיט א נאמען פאר די קינדער נאך די עלטערן, די זיידעס. כדי צו געדענקען שטענדיג, ווען מען רופט א קינד, פון וואס פאר א שטוב מען קומט. דאס איז מיין זיידע, דאס איז מיין עלטער זיידע, דאס איז געווען מיין רבי. 'כשם' שנכנס לברית, מיט דעם נאמען וואס מען איז אריין לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אזוי זאל מען אריין גיין ווייטער לתורה ולחופה ולמעשים טובים. געדענקען שטענדיג אז דעם נאמען האט מען דאך געגעבן נאך די אבות, נאך די פריערדיגע צדיקים. אזוי זאל מען אריינגיין שפעטער אין אנדערע מצות וואס מען איז מקיים.

## בסעודת הברית של בן הר"ר גבריאל טובל הי"ו

ערב שב"ק פרשת אמור תשע"ג לפ"ק

**מען** זיצט ביי א ברית, וואס עס איז אויסגעקומען אין די טעג פון ספירה, און אין די פרשה פון די וואך, איז אויך דא די מצוה פון ספירת העומר, וספרתם לכם ממחרת השבת (ויקרא כג-טו), און עס קומט צו דערצו א ברית מילה, וואס האט אויך א שייכות מיט די ספירה. ווייל מען זאגט ביי די תפלה נאך ספירה, אתה צויתנו על ידי משה עבדך, לספור ספירת העומר, כדי לטהרנו מקליפותינו ומטומאותינו. מען ציילט ספירה כדי מען זאל זיך מטהר זיין פון די קליפות און פון די טומאות. און ברית מילה איז אויך די זעלבע. ערלה דאס איז א חלק פון טומאה, און מיט דעם וואס מען נעמט אראפ די טומאה, קומט אריין דאס קינד אין די קדושה. איז אזוי ווי ספירת העומר איז מטהר צו זיין פון די קליפות און פון די טומאות. איז א ברית מילה אויך די זעלבע, צו מטהר זיין די מענטש פון די ערלה, וואס איז א חלק פון די קליפה.

**מען** זאגט אין די תפלה, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון ספירה, אונז מטהר צו זיין פון די קליפות. כמו שכתבת בתורתך (ויקרא כג-טו), וספרתם לכם ממחרת השבת, מיום הביאכם את עומר התנופה, שבע שבתות תמימות תהיינה. לכאורה אין פסוק שטייט אז מען זאל ציילען ספירה. אבער עס שטייט נישט אז מען זאל ציילען ספירה, כדי זיך מטהר צו זיין פון די קליפות. איז ווען מען זאגט אז דער אייבערשטער האט אונז געהייסן ציילען ספירה, כדי אונז צו ריינიגען, כמו שכתבת בתורתך וספרתם לכם וכו'. וואו שטייט אין די פסוק פון וספרתם לכם, אז מען זאל זיך ריינიגען פון די קליפות. - א רמז שטייט אין די מפרשים, אז לכ"ם איז די ראשי תיבות כ'די ל'טהרנו מ'קליפותינו. וספרתם, איר זאלט ציילען, לכ"ם, כדי לטהרנו מקליפותינו, איז אפילו עס שטייט נישט בפירוש אין פסוק, אבער על כל פנים א רמז איז דא אין דעם פסוק.

**אבער** עס קען זיין, אז עס ליגט אינעם פסוק אליין אויך. דער **אור החיים הק'** (פ' אמור) טייטש וספרתם לכם, וואס מיינט לכם, ציילסט פאר ענק, מען ציילט דאך פארן אייבערשטען, ציילט מען עפעס פאר אונז. זאגט דער **אור החיים הק'**, די טעג פון ספירה איז די טעג פון ווען די יודען זענען ארויס פון מצרים, ביז מען האט מקבל געווען די תורה. פארוואס איז געווען אזא לאנגע צייט, ניין און פערציג טעג, פון ווען מען איז ארויס פון מצרים ביז מען האט מקבל געווען די תורה. א טאג שפעטער, וואלט דער אייבערשטער אונז געקענט געבן די תורה. נאר אזוי ווי מען דארף זיך מטהר זיין צו קבלת התורה, האט מען נישט געקענט געבן די תורה תיכף, מען האט געמוזט ווארטן שבע שבתות, וואס דאס איז שבעה נקיים, אז מען זאל זיך קענען מטהר זיין פון די טומאה פון מצרים, און נאכדעם קען מען אונז געבן די תורה.

**בחודש** השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים ביום הזה באו מדבר סיני (שמות יט-א).

דער פסוק פרעגט א קושיא, בחודש השלישי, פארוואס האט מען געדארפט ווארטן ביז חודש סיון, מקבל צו זיין די תורה. פארוואס האט מען נישט געגעבן די תורה תיכף. ענטפערט דער פסוק, ווייל עס איז געווען לצאת בני ישראל מארץ מצרים, מען איז ארויס געקומען פון טומאות מצרים, און מען קען נישט אריינפאלן פון מצרים אין קבלת התורה, מען דארף זיך קודם מטהר זיין (עיין **באור החיים הק'** פרשת יתרו).

**זאגט** דער אור החיים הק', וספרתם לכם, דאס וואס איך הייס ענק ציילען. דאס איז לכם, פאר ענק, עטץ זאלסט ענק קענען מטהר זיין פון ענקער טומאה. איז וועגן דעם דארף מען ציילן די טעג, ביז מען קומט צו, צו קבלת התורה. - זאגט מען דאך זייער גוט, אז דער אייבערשטער האט אונז געהייסען ציילען ספירת העומר, כדי אונז מטהר זיין פון די קליפות, כמו שכתבת בתורתך וספרתם 'לכם', דאס וואס מען ציילט, ציילט'ס עטץ פאר ענק, אז עטץ זאלסט ענק קענען מטהר זיין.